# איינִיגע ווערטער פון מחבר

אַלע די וועלכע האָבען מיינע ספרים, ווייסען אַז איך האָב פיינט אַלע התנצלות צו שרייבען אין דער הקדמה. אין דענק אַז איך טהו קיין רעה די וועלט מיט מיינע ספרים, ווייל אַלע די וואָס האָבען מיינע ספרים, פרעגען מיר וואָרום איך שווייג און לאָז זיך ניט הערען מיט אַ נייעם ספר. אין דער אמת האָב איך שווייגענדיג די איינִיגע יאָהר, געאַרבייט זעהר שווער, און געשריבען אַט דעם ספר „ילקוט יהודה", אַ זאַמלונג פון מאמרים אויף תורה נביאים וכתובים, עין יעקב און פילע מדרשים. אַלע מיינע משלים וועגען אַלעם, חנוך בנים, ימים נוראים, ימים טובים, אויף אַלעם וואָס עס קען פאָרקומען אין מענשענס לעבען. ווערטלאַך, געדאַנקען, קורצע מכתמים, וואָס ענטהאַלט מוסר, חכמה, זיטען, וואָס יעדער וואָרט קען געזאָגט ווערען אויף דער בימה, וועלכע דער עולם, אַלע קלאַסען ליבען עס און גלייכען עס און נעהמען עס אָן מיט פאַרגעניגען. טויזענדע טויזענדע ווערטער, געקליבענע, מיינע אייגענע וואָס איך האָב גערעדט אין מיין לעבען.

די וואָס וועלען צוגעבען וועלען זעהן אַז אַזאַ אוצר בלום, האָבען זיי נאָך קיינמאָל געזעהן. איך ווייס אויך אַז די וואָס וועלען קיינמאָל צוגעבען אַז עס איז גוט, וועלען אויך האָבען דעם ספר און נוצען אימער. די זאַך איז נאָר וואָס צוליעב קאָסטען פון דרוק, גיב איך ארויס אַ דריטעל איצט, דאָס איז דער ספר „ילקוט יהודה". דער ערשטער סעט פאַרנעמט זיבען בענדער. דער צווייטער דריטעל וועט זיין ניין בענדער. אויך דער דריטער דריטעל וועט זיין דאָס זעלבע. אַז השי"ת וועט מיר האַלטען אויף דער וועלט וועלען אַלע פינף און צוואַנציג בענדער זיין אַ ריזיגער ספר.

און אז איהר וועט אריינקוקען אין ספר, וועט איהר צוגעבען אז איך דארף ניט קיינע התנצלות מאכען אין דער הקדמה, אזא מבין איז אויך דער מחבר, וואס ער ווייסט וואס א ספר איז.

**דער מחבר.**

## לידע ולהודיע

יעדער ספר וואס האט ניט מיין סטעמפ געזיגעלט אין פראנט, איז ניט פון מיר גענומען געווארען ברצון, נאר עס איז גענומען געווארען אליין מיט גזלה, דארף דאס דער קויפער וויסען.

# בראשית

## פאר דרשנים

אין המקרא אומר אלא דרשוני וכו' בשביל התורה שנקראת ראשית, ובשביל ישראל שנקראו ראשית.
(רש"י).

די תורה בעט זיך ביי די דרשנים, אז איהר געהט א דרשה זאגען, און איהר הויבט אן מיט א פסוק אדער א מאמר חז"ל, זאל עס זיין „בשביל התורה" — לשמה, הייסט עס. די תורה זאל זיין צופרידען, עס זאל זיין על דרך התורה והמצוה — איז דאס הייסט „אין המקרא אומר אלא דרשוני" — דער פסוק בעט זיך, מען זאל איהם דרשה'נען, אבער „בשביל התורה שנקראת ראשית", איהר דרשה'נט צוליעב דער תורה, די תורה זאל זיין צופרידען. מוסר — און סתם „על דרך התורה". און עס זאל אויך זיין „בשביל ישראל" „שנקראו ראשית", צוליעב די אידען, וועלכע ווערען גערופען „ראשית", ד. ה. — זאגען פאר די אידען אזעלכע זאגעכץ, וואס די אידען דארפען הערען, נוצבאר פאר זיי, ניט זאגען זיי חקירה, אדער ווי גרויס איז יעדער פלאנעט .. וואס דער המון דארף עס ניט וויסען, אפילו אויב ער פארשטעהט... ניט פארברייגגען מיט נארישקייטען. זאגט איהר א וויץ, זאל עס זיין דורך און דורך מוסר, זאל ער געבען א שמייכעל, אבער ער וועט פיהלען דעם מוסר, אז ער וועט זיך איבערלייגען עס זאל זיין „בשביל התורה", און בשביל ישראל... „בראשית" בשביל, צוליעב

דיביידע ראשית דרשה'נט, בשביל ישראל וואס ווערט גע־רופען ראשית, ובשביל התורה שנקראת ראשית.

---

## חבר זיך מיט גוטע

ויקרא אלהים לאור יום ולחשך קרא לילה, מכאן שאין הקב"ה מיחד שמו לרעה, דאלו ביום כתיב ויקרא אלהים, ובחשך לא כתיב אלהים.
(מדרש בראשית).

גאט האט גערופען צו די ליכט טאג, און צו די פינס־טערנעס האט ער גערופען נאכט, דען — ביי דעם טאג שטעהט „ויקרא אלהים" גאט האט גערופען „לאור יום" צו די ליכט טאג, און ביי די פינסטערנעש שטעהט נאר „ולחשך קרא לילה" און צו די פינסטערנעש האט ער גערופען נאכט, ניטא קיין ווארט אלהים.

פיעלע וואונדערען זיך די ראיה וואס דער מדרש בריינגט איז ניט קיין ראיה, ווייל מיר געפינען אין פיעלע פלעצער אזוי, אפילו דא אין בראשית גופא, „ויקרא אלהים ליבשה ארץ, ולמקוה המים קרא ימים" — אומעטום איז נאר גאטעס נאמען געזאגט אין אנהויב פסוק, נאכהער ענדיגט ער מיט א וואוו הנוסף, ווי „ולמקוה המים".

זאגען מיר איין טעם, גאר איין אנדערען, דען שטענדיג איז דער שטייגער, דאס די נאכט איז בעפאר טאג דערמאנט, אזוי ווי „ויהי ערב ויהי בוקר", האט ער דאך אויך געדארפט שרייבען, ויקרא אלהים לחשך לילה ולאור קרא יום — ווי דער שטייגער איז אומעטום. מוזען מיר זאגען אזוי — ווייל עס שטעהט זאגט דער מדרש, ויקרא אלהים לאור יום, פריהער פאר די פינסטערנעש, צו ווייזען אז אין הקב"ה מיחד שמו

לרעה. ווען ער וואָלט אָנהויבען פון נאַכט, ד. ה. פון די פינס־טערנעש, וואָלט ער דאָך מוזען זאָגען ויקרא אלהים לחשך לילה, און אז ער האָט משנה געווען און געשריבען פאַר־קעהרט, איז אַ באַווייז, שאין הקב"ה מיחד שמו לרעה.

---

## ניט גוט קאָמפּאַנירען מיט שלעכטע

ויבדל אלהים בין האור ובין החשך.

ווארום זאָגט ער דאָ ניט מיט וואָס האָט ער געמאַכט דעם ויבדל? נאָר דאָס איז דער „ויבדל" — „אלהים", דעם וואָרט אלהים, האָט ער אָפּגעשיידעט, „בין האור ובין החשך", ביי אור שטעהט אלהים, ויקרא אלהים לאור יום — אָבער ביי די חשך האָט ער ניט געשריבען אלהים, נאָר „ולחשך קרא לילה" — האָט ער דעם וואָרט אלהים ביים חשך פאַרפעהלט. „ויבדל אלהים" ער האָט אָפּגעטיילט דעם אלהים, בין האור איז דאָ אלהים, ובין החשך איז ניטאָ.

---

## דער דור און די מנהיגים

הראה הקב"ה לאדם הראשון דור דור ומנהיגיו דור דור ושופטיו.

(מדרש בראשית).

השי"ת האָט געוויזען צו אדם יעדען דור און זיין מנהיג, יעדען דור און זיינע שופטים, די רבנים. — פרעגט מען ווארום האָט הקב"ה ניט געוויזען איהם פריהער דעם מנהיג און דערנאָך דעם דור?

דער תירוץ איז ווי פאלגט, ווען גאט וואלט איהם גע־וויזען דעם מנהיג פריהער, און אדם וואלט דערזעהן, וואס פאר אזעלטענער מנהיג דאס איז, פון היינטיגע צייטען... פון אונזערע מנהיגים וועלכע מיר האבען יעצט, א פרעזידענט א נידעריגע שמוציגע בריאה... איין עם הארץ א רב, און ער וועט זיך שרייבען הרב הגאון, וואלט אדם זיך שטארק צו וויינט, האט גאט איהם געוויזען דעם דור, וואס פאר א סארט ברואים דאס זיינען, דאן האט ער געקענט פארשטעהן, אז דער מנהיג פאסט ריכטיג, און אנגעמאסטען פאר זיי.

---

## לעב גליקליך אויף דער וועלט

ויצו ה' אלהים על האדם, מכל עץ הגן אכל תאכל ומעץ הדעת טוב ורע לא תאכל ממנו.

השי"ת גלייכט ניט די מענשען, וועלכע ווילען נאר אפקומען אויף דער וועלט, כסדר פאסטען און פלאגען זיך. ניין זאגט גאט, איך האס אזא סארט לעבען. איך האב באַ־שאפען א שעהנע וועלט, טא האט הנאה פון איהר, נאר מיט דעם וועג פון דער תורה.

„ויצו ד' אלהים על האדם", און שטרייגג האט גאט ב"ה, פארזאגט דעם מענשען, „מכל עץ הגן אכל תאכל" פון אלע בוימער פון דעם גארטען זאלסטו עסען, עס איז א מצוה צו עסען, נאר מיט א ברכה זאלסטו עסען, כשר זאלסטו עסען. אבער „ומעץ הדעת טוב ורע", פון דעם טריפה'ן בוים „לא תאכל", זאלסטו ניט עסען, אבער אלעס וואס מען מעג „אכל תאכל", ודו"ק

---

## דער מענש און דער שלאַנג

הוא ישופך ראש, ואתה תשופנו עקב.

דו אדם, דו וועסט דעם שלאַנג אימער קלאַפּען אויף זיין קאָפּ, — און דו שלאַנג, דו וועסט איהם אימער בייסען זיין טריט. דו שלאַנג, זיי וויסען, אז מיט דעם, וואָס דו האָסט איהם געמאַכט עסען פון עץ הדעת, האָסטו איהם גורם געוועו, אַז איהם וועט קיין מאָהל זיין גענוג, וויפיעל ער וועט פאַר־דינען, וועט ער גלוסטען אלץ מעהר און מעהר, דאַדורך וועט ער ארום געהן אזוי ווי אַהן אַ קאָפּ, אַהן מוח, צודולט, וועט ער דאַרום קלאַפּען דיין קאָפּ ווייל דו האָסט צוגענומען זיין קאָפּ... און דיר האָב איך אָפּגעהאַקט דיינע פיס, און קריכסט אויף דיין בויך, דאָס איז צוליעב איהם, ביזטו געבליבען אַהן פיס, דערום וועסטו איהם אימער אין זיינע פיס בייסען, דו וועסט ראַבע נעהמען פון איהם פאר דיינע פיס, ער וועט ראַבע נעהמען פון דיר פאר זיין קאָפּ... הוא ישופך ראש... ואתה — תשופנו עקב, ודו״ק היטב.

---

## ג א ו ה

הוא ישופך ראש, ואתה תשופנו עקב.

אדם, מיין טייערער, איך זאָג דיר אַן אַז דו זאָלסט זיין פאָרזיכטיג מיין טייערער. „הוא״ דער נחש, דער „יצר הרע״, וועט דיר וועלען מאַכען זינדיגען, האָט ער אַ גוטען מיטעל פאר דיר  ער וועט דיר ברייגגען צו גאוה, „הוא ישופך ראש״, ער וועט דיר אַ קלאַפּ געבען אַ שטאַרקען, מיט דעם וואָס ער וועט דיר אויפווייזען, אז דו ביזט אַ ראש, אַ קליינינקייט ווער

דו ביזט, דו דארפסט זיין א פרעזידענט, א ווייס פרעזידענט, ווייל דו ביזט דאך א — ראש, דאן וועט דיר שוין קיין צרות ניט פעהלען, און דו ביזט אומגליקליך, און דאס וועט דיר בריינגען צו אלע צרות און עברות. „הוא ישופך ראש", ער וועט דיר אימער טרייען א קלאפ טאהן אין דיין ראש, א קליינינקייט ווער דו ביזט.

„ואתה", — וואס זאלסטו טאהן? ווי קענסטו איהם מנצח זיין? ווייסטו ווי? אז — „תשופנו עקב", דו זאלסט זיך מאכען קליין, וועסטו איהם דערמיט א ביס טאהן, אז דו ביזט גארניט, נאר, א עקב, דער טריט, דער נידעריגסטער טייל פון קערפער. (מספר אמרי יואב).

---

## חברות אהן אמת

בראו כת של מלאכים, שלום אמר אל יברא שכולו מלא קטטה, אמת אמר אל יברא שכולו מלא שקרים וכו', השליך אמת ארצה.

(מדרש בראשית).

פרעגט מען, אז וויבאלד, שלום זאגט אז מען זאל ניט באשאפען דעם מענשען, ווייל אלע זיינען קריגעריש; אמת זאגט ניט באשאפען, ווייל אלע זיינען פול מיט שקרים, טא ווארום האט השי"ת אראפ געווארפען דעם אמת און ניט דעם שלום?

מיר ווייסען אז דער שלום איז געוויס גערעכט, וואס ער זאגט אז די וועלט איז קריגעריש, נאר מחלוקת'דיג, — און זאלען מיר טאקע מיט איין אמת, זיך ניט נארען, איז פאראן שלום אין די שוהלען, חברות, און אויב איהר האט א תלמוד

תורה, איז דאָרט שלום פאראן? זאָלען מיר זיך ניט נאַרען, איז דען דאָס ניט דער אמת?...

פרעגט זיך טאַקע פארוואָס איז דאָס אזוי? איך מוז אייך אויסזאָגען, זאָגאר עס איז ניט שעהן... אָבער מיר קע־נען אייך זעהר גוט, ווייל ביי אייך פרומע (איהר דענקט אזוי אַז איהר זייט עס!...) איז דער אמת ניטאָ, ווען אין אייער שוהל וואָלט זיין אמת, ווען איהר מיינט עס טאַקע ווען איהר בויט די שוהל אויף איין אמת... תלמוד תורה, אויף אַן אמת... סאָ־סייטי, לאדזש, פאראיין. אַז ביי אייך זאָל זיין דער אמת, וואָלט טאַקע קיין מחלוקת ניט געווען. אָבער אַז איהר זענט פול מיט שקרים, יעדער פול מיט פאַלשע פאָליטיק. יעדער פון אייך איז כולו שקר, אָט זאָל מען איהם נאָר אָנריהרען, וועט ער באלד ארוים געהן, און זוכען צו — צוברעכען די שוהל, די תלמוד תורה, א. אז. וו. — ווייל איהר זייט דורכאויס אין שקר.

אלזאָ — צוליעב דעם איז דורכאויס מחלוקת. שלום זאָגט צו גאָט, באַשאַף זיי בעסער ניט, דאָס איז אַזאַ „בריאה", וואָס איז כולו מלא קטטה, אין גאַנצען פול מיט מחלוקת. זאָגט השי"ת צו איהם, צו דעם שלום, מיין טייערער דאָס איז ריכ־טיג, עס איז טאַקע אזוי, נאָר איך האָב אַ מיטעל, איך וועל אַראָפּוואַרפען דעם אמת אויף דער ערד, אז ער זאָל זיך גע־פינען אין שוהל אין תלמוד תורה, אין אַלע מענשען הייזער, און ווען דער אמת וועט ביי זיי זיך געפינען, וועט שוין קיין מחלוקת ניט זיין.

אמת זאָגט מען זאָל איהם ניט באַשאַפען דעם מענשען, ווייל ער איז פול מיט שקרים. דו אמת זאָגסט טאַקע דעם ריינעם אמת, דו ביזט גערעכט זיי זיינען טאַקע פול מיט שקרים, ווייסטו אָבער וואָרום דאָס איז ווייל דו ביסט אין הימעל, געה דו אַראָפּ אויף דער ערד און זיי וועלען דיר אָנערקענען, אז זיי וועלען בויען די שוהל א. אז. וו. מיט אמת, וועסטו שוין זעהן, ווי גוט עס וועט זיין... און — „השליך אמת ארצה". (ביז

דעם דור איז טאַקע דער אמת געווען אויף דער ערד, און אי־דישע פרומקייט, איז טאַקע געווען באמת. אָבער דער דור, איצטיגע צייט, האָבען דעם אמת באַגראָבען אין דער ערד, א טויטען באַגראָבען זיי באמת...)

---

## עץ הדעת, דער טויט, — חקירה

כי ביום אכלך ממנו מות תמות.

גאָר די גרויסע פרעגען, ער איז דאָך ניט געשטאָרבען דעם זעלבען טאָג?... דער ריב"א ענטפערט, אַז דאָס געהט אויף דעם טאָג פון גאָט, און ביי גאָט, איז טויזענט יאָהר איין טאָג.

דער „חובת הלבבות" אין שער היחוד בריינגט דריי הקדמות און דער קוצר פון זיינע רייד איז אזוי — דען אין א זאַך וואָס האָט קיין סוף ניט, איז ניט צו זאָגען א טייל פון דעם, אז ווי באלד אין דער זאַך איז ניטאָ קיין סוף, קען ניט זיין א חלק, נאָך אַמאָהל, פון אָהן א סוף א זאַך קען ניט זיין קיין חלק, א טייל פון דער זאַך.

און אזוי איז אויך אין זמן אין א צייט וואָס האָט קיין ענדע ניט, קען קיין חלק ניט זיין, אַז מיר זאָלען זאָגען, עס איז אַוועק געגאַנגען א שטונדע אָדער א טאָג, ווייל עס קען ניט געפעהלט ווערען, דער אַוועק געהן, פון דער צייט.

דאָרום — איידער דעם זינד האָט ער געדאַרפט לע־בען אויביג, האָט איהם ניט געקענט פעהלען דעם חלק וואָס ער האָט אָפּגעלעבט, דעם פאַרבייטונג פון צייט... ווייל ער דאַרף דאָך לעבען אויביג, אָבער אז ער וועט עסען דעם עץ הדעת, וועט ער דאָך מוזען שטאַרבען, ווען זיין צייט קומט צו שטאַר־

בען, איז דאָך שוין זיין לעבען מיט אַ באַשטימטע צייט, דאַן וועט ער יעדען חלק, וואָס ער לעבט אָפּ, אַ סעקונדע, אַ מינוט, אַ שטונדע, אַ טאָג, אַ וואָך א. אז. וו. וואָס עס געהט אַוועק פון איהם, איז אַ חלק אַ געשטאָרבענער פון זיין לעבען.

האָט איהם גאָט געזאָגט, כי ביום אכלך ממנו מות תמות, אין דערצייט, ווען דו וועסט נאָר עסען דעם עץ הדעת, וועסטו דאָך שוין זיין מיט דיין לעבען, ביז אַ צייט, וועסטו יעדער רגע שפירען פון מות תמות... פון שטאַרבען, יעדער איז אַ חלק פון דיין לעבען וואָס איז אָפּגעשטאָרבען, ודו"ק היטב.

---

## אמת אליין זאָגט איצט שקר

שלום אמר וכו' מלא קטטה, אמת אמר וכו' כולו מלא שקרים.

(מדרש בראשית).

באַטראַכט גוט, וועט איהר באַמערקען, אַז ביידע, דער שלום ווי אויך דער אמת, זאָגען שקר. וואָס זאָגט דער שלום, אַלע זיינען בעלי מחלוקת — איז דען דאָס ניט אַ ליגען? ווי קען מען זאָגען אַלע, — עס געפינט זיך, אפילו ביי היינטיגע צייט, אַ סך ערטער, וואו עס איז קיין מחלוקת ניטאָ.

אמת זאָגט אַ גרויסען ליגען, אַלע זיינען שקר. ניין אמת טייערער, עס איז נאָך פאַראַן, אפילו ביי היינטיגער צייט, אַ סך מענשען וואָס זיינען גאָר אמת'ע מענשען. האָט דער אמת אליין געזאָגט אַ גרויסען שקר.

אויב ביי די רבנים, וואָס זיי דאַרפען זיין דער כולו אמת, איז ביי זיי דער אמת ניטאָ. ביי דעם פּרעזידענט און מנהלים פון „תלמוד תורה", איז דער אמת ניטאָ, דאַן איז

שלעכט, אויב דער טיטשער, איז אליין אַ מלא שקרים, ער אליין לערענט מיט'ן קינד „והיה לך לאות על ידכה״, תפלין דאַרף מען לייגען, און ער אליין לייגט ניט, און אזוי ווייטער, דאַן איז זעהר שלעכט, דאַן איז אַ ענדע פון אלעס... אַז ביי די וואָס מוז זיין דער אמת, א רב, אַ דרשן, אַ מטיף, אַ פרעזידענט פון שוהל, א. אז. וו. — דאָס איז דער אמת אליין, און זיי זיינען פאַלש, קנאה, שנאה, און אלע שמוציגע גאוות, און נידריגע כבוד זוכער, דאַן איז באַגראָבען אלעס. אַז דער אמת זאָגט ליגען איז געפעהרליך. שלום זאָגט אַ ליגען, אלע זיינען פול מיט קטטה, קריגעריי, — מילא שלום קען נאָך אַ ליגען זאָגען... ר' שלום'ען, קען עס נאָך ניט אזוי שאַטען, אָבער אַז דער אמת אליין זאָגט אַ ליגען, כולו מלא שקרים, און דאָס איז דאָך אַ געוואַלדיגער ליגען... זאָגט גאָט, מילא שלום, בין איך מוחל, אָבער דו גאַנצער אמת, דו ביסט אַ ליגנער, טאַ געה אין דער ערד, השליך אמת ארצה.

---

# אָרעמע און רייכע

**הנפילים היו בארץ בימים ההם, וגם אחרי כן, אשר**
**יבאו בני האלהים אל בנות הארם, וילדו להם, המה**
**הגבורים אשר מעולם אנשי השם.**

איצטיגער שטייגער איז אזוי, — אויב עס טהוט אַ פאַרברעכען, איינער פון די אָרעמע־לייט, פון דער נידעריגער קלאַס, ניט קיין גביר, ניט קיין יחסן, ווערט אַ געשריי פון די געהייבענע, — סטייטשו!? אַזאַ פאַרברעכען. אָבער פון די יחסנים אָדער גבירים, וואָס זיין טוהען אָפּ איז שאַ, — „אין פוצה פה ומצפצף״, אזוי ווי גאָר ניט געוועזן, עס ווערט אויס־געלייזט די רעה, צוליעב זיין אייגענעם זכות, אָדער זכות פון

זיין אַנקעל... אַפילו אַ קאַזין, שאַ־שטיל, "כי דודו און בן דודו יגאלנו".

„הנפילים היו בארץ", די אַראָפּגעפּאַלענע זיינען געווען אין דער לאַנד ממזרים — די וועלכע די מאַמעס האָבען זיי אונטערגעוואָרפען אימיצען.. פון וועמען זיינען די ממזרים פון די וועלכע, — „ויבאו בני האלהים", וואָס זיינען געקומען צו גרויסע לייט, אל בנות האדם, צו די טעכטער פון די פּראָס־טען מענשלעך און „וילדו להם"... און זיי האָבען געבוירען צו זיי — און די ממזרים זיינען דאָס — „המה הגבורים" „אשר מעולם", און די זיינען דאָס די „אנשי השם"... שאַ — זאָגט ניט אויס, און שאַ — ווייל זיי זיינען דאָך פון די בני האלהים, די גרויסע לייט...

## צדקה

דאַכט זיך צוויי ברידער, פון איין פאָטער און מוטער. קין איז קארג און ברייננט אַ קרבן אַביסעל גראָז. הבל — ברייננט אַ שעפּס, און דוקא פון די בעסטע. דעם אכזר קין פאַרדריסט דאָס, און שלאָגט טויט זיין ברודער. און אזעל־כע הברה, האָבען מיר אויך איצט גאַנץ גענוג. נאָך וועהניג וואָס זיי אליין גיבען ניט, קענען זיי ניט באַטראַכטען גלייכגיל־טיג דעם נדבן, און זיי וואָלטען איהם דער'הרג'ענען.

## מאַן און פרוי

ויקרא את שמם אדם...

די חכמים רופען צו אַ מאַן אָהן אַ פרוי „פלג גוף”, אַ האַלבער קערפּער, דאָס זעלבע אַ פרוי אויך, — אָבער ביידע צוזאַמען איז איין קערפּער. דער באַווייז פון דעם פסוק, „ויקרא את שמם אדם”, ביידען צוזאַמען האָט ער גערופען אדם, דאָס איז אַ מענש, אָבער ח"ו ווען ניט, הייסט עס ניט קיין גאַנצער מענש נאָר אַ האַלבער מענש, פלג גוף.

---

## באַדייטונג פון וואָרט אדם

אדם, האָט גערופען גאָט דעם ערשטען מענשען, און ביז היינט הייסט דער מענש אדם, ווייל דער וואָרט א'ד'ם' — איז נוטריקון, **א**כילה (עסען), **ד**ירה (וואהנונג), **מ**לבוש (אַ קלייד) דאָס דאַרף אַ מענש האָבען, אַז ניט איז ער ניט קיין אדם... ודו"ק.

---

## תשובה

הלא אם תטיב שאת, ואם לא תטיב לפתח חטאת רובץ ואליך תשוקתו.

אַ גרויסער חסיד'יישער צדיק האָט געזאָגט ימים נוראים: רבש"ע איך וויל טייטשען דעם פסוק אַזוי און עס

איז אזוי — דו האָסט עס אליין געזאָגט צו קין, און געשריבען אין דיין תורה, „אם תטיב”, אויב דו וועסט בעסער ווערען, דו וועסט תשובה טאָהן, „שאת”, וועל איך דיר פארטראָגען, מוחל זיין, הייסט עס, אפילו „אם לא תטיב שאת”, אז דו וועסט קיין תשובה טאָהן, וועט אויך זיין „שאת”, ווייל — דו אליין האָסט אזוי געזאָגט און אזוי געטאָהן, וואָס דו האָסט באשאפען אזא געפעהרליכען „יצר הרע”, ווייל — „לפתח חטאת רובץ”, ווי דער מענש ווערט געבאָרען, רוהט שוין אין איהם דער „יצר הרע”, אָבער אין דער אמת, „ואליך תשוקתו”, ער גלוסט צו דיר, ודו”ק.

---

## פאָר ציון

אל תירא כי אתך אני ממזרח אבי זרעך, וממערב אקבצך.
(הפטרה בראשית, ישעיה מ״ב).

האָב קיין מורא ניט, דען איך בין מיט דיר, פון מזרח וועל איך ברייגנען דיינע קינדער, אויך פון מעריב וועל איך זיי איינזאַמלען.

מזרח הייסט, וואו אידען שיינט די זון, וואו עס איז זיי גוט, וואו זיי האָבען פרייהייט. „ממזרח אביא זרעיך”, פון די פרייע לענדער, וועל איך ברייגנען דיינע קינדער. אין מעריב הייסט וואו עס איז זיי פינסטער, די זון שיינט ניט אויף זיי, „וממערב אקבצך”, וועל איך דיר איינזאַמלען, האָב קיין מורא ישראל.

---

## פאַר ציון

**אומר לצפון תני, ולתימן אל תכלאי.**
(הפטרה בראשית, ישעיה מ״ב).

**צפון זיינען די רייכע, די אידעלעך, די גבירים, וואָס זיי ווילען׳ ניט געהן אין ארץ ישראל, וועל איך זאָגען צו די אומות, גיט ארויס מיינע קינדער, איך וויל זיי האָבען אין מיין לאַנד, די וועלכע איך האָב זיי געגעבען, גיט זיי ארויס איבער געוואלד. „ולתימן אל תכלאי", תימן איז די דרום אידען, די חכמים, מופלגים, פרומע, זיי האָבען קיין מעגליכקייט ניט צו געהן אין ארץ ישראל, זיי זיינען פארשלאָסען, וועל איך זיי אָפּשליסען און ברייננגען אין ציון.**

**אָדער, דאָס מיינט, „אומר לצפון תני", די גבירים, די אידישע, צו זיי וועל איך זאָגען, גיט געלט פאַר ציון, און צו די פרומע פארמיידט אויך ניט צו זיין איבערגעגעבען פאַר ציון. „ולתימן אל תכלאי", שטערט ניט, העלפט וואָס איהר קענט.**

---

## קאַרגע קין׳ס משפחה

ויהי מקץ ימים ויבא קין מנחה לד׳.

די קארגע, די קמצנים, די פּראָצענטניקעס, די הויט שינדער, די פארמאָכטע לאָפּעס, ווען ווערען די מאָדערנע קין׳ס גוטהערציג פונקט אזוי ווי דער אַלטער קין, זייער פרע־זידענט, דער זוהנדעלע פון אדם, איז געוואָרען מילד, „ויהי מקץ ימים", אז ער קומט צו דער ענדע זיינע, צו די ענדע יאָהרען, אָדער עס קומט אויף איהם שרעקליכע יסורים, ווען

ער ווינשט זיך דעם טויט, דאן ווערט ער גוט און פרום.
„ויהי״, א צרה — איין אומגליק. אדער „מקץ ימים״, אויף
דער עלטער, ווען ער שטעהט שוין מיט איין פוס אין קבר...
דאן הויבט ער אן ברייננען א „מנחה לד׳״, און אויך דאן
קען ער ניט געבען אזא זאך, וואס דער מקבל זאל האבען הנאה.
דאן גיט ער א גלאטע מטבע. — אבער צו אזעלכע קין׳ס „ואל
קין ואל מנחתו לא שעה״, צו די קין׳ס קעהרט זיך גאט ניט
אום אפילו א קוק צו טאן אויך ניט צו זייער מנחה. געה דו
שמוציגע בריאה, איך קען דאך דיר, אז צוליעב א טאלער,
קענסטו דאך א מענשען טויטען. איך וויל דיר ניט קענען.

---

א קארגער גביר, איז איינינע יאהר געווען קראנק אויף
זיינע פיס. געהן צו א דאקטאר קאסט דאך געלט, טויג דאך
ניט. האט דער קין אנגעטראפען דעם דאקטאר אין גאס,
פרעגט ער דעם דאקטאר, זאגט מיר דאקטאר, איך בין זעהר
שוואך אויף מיינע פיס, וואס זאל איך נעהמען?

נעהמט די קאר, מיין ליבער מאן, האט דער דאקטאר
געזאגט צו איהם.

---

די קארגע זיינען געגליכען צו די הייסע אויסגעטרי־
קענטע זאמד פון מדבר זאכארא. זיי זאפען איין יעדען טרא־
פען רעגען און לאזען ניט וואקסען קיין בלימעלע און גרעזעלע,
אום אירגענד װעלכע נוצען צו ברייננען פאר די מענשהייט.

---

דעם ארעמען פעלט פיעל, דער קארגער האט גאר
ניט. הבל׳ן איז בעסער פאר אלע קין׳ס.

---

צוויי זיינען אומנוצליך ביים לעבען — א קארגער, און א געשטאפטער חזיר.

---

דער טויט פון דעם קארגען, איז דאס זיין איינציגע בעסטע גוטע טהאט.

---

קארגע זיינען געגליכען צו שפאנדזשעס, וועלכע נעה־מען אריין א סך, און גיבען גארניט ארויס, סיידען מען קוועטשט זיי.

---

קארגע, אז זיי גיבען אימיצען שלום, גיבען זיי מיט צוויי פינגער, ווייל זיי האבען מורא צו עפענען זייער הענטעלע, טאמער וועט עפעס ארויספאלען.

---

## קין והבל, דור הפלגה ודור המבול

דאס איז קנאה, תאוה און כבוד: קין והבל, איז קנאה; דור המבול איז, תאוה; דור הפלגה, איז כבוד. ווי זיי האבען אליין געזאגט ונעשה לנו שם, מיר זאלען זיך מאכען א נאמען. און הקנאה והתאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם.

---

אדם הראשון האט געגעסען פון'ם עץ הדעת, אום צו קריגען „דעת" — און מיר זיינע קינדער גיבען אוועק דעם דעת, פאר דעם עסען.

---

אלע דראפען זיך און קלעטערען אין דער הויך צו קריגען די סודות פון דער וועלט. גאנץ וועניג קומען ארויף, און נאך וועניגער בלייבען אויבען... א סך קריגען קאפ שווינדעל און פאלען אין גאנצען ארונטער.

---

דער שלאנג און חוה. געווים האט אדם פארזאגט חוה'ן ניט צו עסען פון עץ הדעת, נאר אז דער שלאנג הייסט עסען, פאלגט מען בעסער דעם שלאנג איידער דעם מאן. ביי היינטיגער צייט, איז אויך פאראן פיעלע הוה'ס, וועלכע וועלען בעסער פאלגען דעם שלאנג איידער דעם מאן.

א חכם האט געשטראפט דאס פאלק, האט ער זיי דערקלעהרט, וואס מעהר דער גוף יאגט נאך די תאוות עולם הזה, אלץ מעהר און מעהר נידערט אראפ די נשמה.

א פוקס, זייענדיג דורשטיג, האט געפונען א ברונעם וואסער, א ראד מיט א שטריק אויף דעם ברונעם, אויף וועלכען עס איז צוגעבונדען צוויי עמער (פיילס), ווען איין עמער געהט אראפ, הויבט זיך אויף דער צווייטער עמער. דער פוקס האט זיך אריינגעזעצט אין דעם אויבערשטען עמער און אראפ גאניץ אונטען, געטרונקען וואסער, וויפיעל ער האט נאר געוואלט, און געוואלט האט ער שוין ארויפגעהן אין דער הויך. עס איז אבער אונמעגליך. האט ער אנגעהויבען צו זינגען א סאנג (ליעד). די זיסקייט האט דערהערט דער וואלף, איז ער צוגעגאנגען צום דעם ברונעם, און פרעגט, וואס איז אויף דיר אזא שמחה? אין דעם ברונעם איז פאראן הינער, הענער, גענז, טייבעלעך, האב איך זיך אנגעגעסען און עס איז נאך דא, אויב דו ווילסט זעץ זיך אריין אין דעם אויבערשטען עמער, וועסטו לאנגזאם אראפ אונטען, און לאמיר פרעהליך זייןביידע. דער וואלף זייענדיג גוט דורשטיג און הונגעריג, איז אריין אין עמער. ער איז לאנגזאם אראפ, און דער פוקס

איז ארויף. דער וואָלף איז דאָרט געבליבען ביז זיין ענדע איז געקומען. (דאָס איז די נשמה מיט'ן גוף, און אויב איהר פארשטעהט ניט דעם נמשל, איז ניט כדאי פאר אייך צו שרייבען ספרים...)

---

טאָלסטאָי זאָגט: — ווילסטו דיין פרוי פארטרויען אַ סוד, שנייד איהר אויס פריהער — איהר צונג...

---

דער טיטשער פרעגט אַ אידיש קינד, זאָג מיר דזשייקעלע, ווער האָט באַשאַפען די פעלדער, דאָס וואָס דו זעהסט דאָ ארום סקוהל און ווייטער?

איך קען ניט וויסען, — ווייל מיר וואוינען דאָ ניט לאַנג. מיר האָבען דאָ ניט לאנג אריינגעמופט, ענטפערט דזשייקעלע.

---

ווארום רופט מען די פרוי די צווייטע העלפט? ווייל ביידע העלפען. דער מאן העלפט אריינברייננגען. די פרוי העלפט — ארויסברייננגען...

---

ביי אַ קאַרגען גביר איז אריינגעקומען אַן אָרימער תלמיד חכם, און זיך באַקלאָגט, דאָס ער האָט אַ סך זאָרגען, עס קומט פסח, ער דאַרף מצה, פאַר די קינדער שיכלעך, פאַר דער ווייב אַ קלייד, און דירה געלט.

דער גביר זאָגט איהם, איך פארשטעה אייך ניט וואָס דאַרפט איהר אזוי פיעל זאָרגען טראָגען אויף אייער קאָפּ, און איך וועל אייך באלד מאכען אלע זאָרגען צו גאָר ניט, נאָר איין זאָרג וועט אייך בלייבען.

דער אָרימאַן האָט געמיינט אַז ער וועט איהם ארויס־העלפען. זעהט ער ווי דער קאַרגער גביר, נעהמט אַ שטיקעל פּאַפּיר און אַ פעדער, און זאָגט: אָט אדרבה, וויפיעל פאר יע־דער זאַך דאַרפט איהר האָבען? האָט דער אָרימאַן זיך אויף אַן אמת שוין דערפרעהט, און הויבט איהם אָן אויסרעכענען, — פאר פסח, פינף טאָלער; מצה זעקס טאָלער; שיכלעך פינף טאָלער; די ווייב אַ קלייד פיער טאָלער; פאר מיר אליין צוויי טאָלער. טאָ צו וואָס דאַרפט איהר האָבען אזוי פיעל זאָרגען, דאָס האָב איך איצט אויפגערעכענט מאַכט עס אוים צוויי און צוואַנציג טאָלער, נאָט אייך דעם רעכנונג און האָט קיין צו־פיעל זאָרגען. זאָרגט איצט, פאר צוויי און צוואַנציג טאָלער, האָט איהר איין זאָרג, געהט איצט געזונטערהייט אַהיים, און גאָט ב״ה וועט אייך העלפען.. (ווי געפעהלט אייך דער קאַר־גער גביר)?

---

# קאַרגער שווער און איידעם

אַ קאַרגער האָט אַן איידעם באַקומען, אַ מופלג גדול, און געגעבען צעהן יאָהר קעסט. ער איז געוועזן אַ גרויסער לערנער, אָבער נאָך מעהר א גרויסער עסער... דער שווער פלעגט צו פלאַצט ווערען קוקענדיג ווי דער איידים פרעסט. איינמאָל זאָגט ער צום איידים: הערסטו ניסן (אזוי האָט דער איידים זיך גערופען) איך האָב שוין אין מיין לעבען גענוג געזעהן פרעסט, כסליו פרעסט, טבת פרעסט, שבט פרעסט, אָדר פרעסט, אָבער ניסן פרעסט — איז שוין גאָר ניט אוים צוהאַלטען...

---

## ער קלעהרט אויף גאָט

אַ פּאַסטוך האָט זיך געלייגט אונטער אַן עפּעל בוים. ליגט ער און קלעהרט, ווי ניט ריכטיג דאָס איז פון דער בריאה. אַזאַ גרויסער קירבעס, וואקסט אויף דער ערד, עפּעל אַזאַ קליינע פּרוכט אויפ'ן בוים. דערווייל איז אַ ווינטעלע גע־וואָרען, איז אַן עפּעל אַראָפּגעפאלען איהם אין נאָז... עס האָט איהם דעם נאָז צוקלאַפּט. אַה! רבש"ע, דו האָסט מיר שוין פארענטפערט, ווען קירבעס וואָלט אויפ'ן בוים געוואַקסען, וואָלט איך שוין פארשפּאָרט זיך אויפצוהויבען...

---

## די וועלט

די וועלט איז אַ ים הגדול, דעם מענשענס לעבען איז אַ שיף, גאָט האַלט דעם רודער. דעם בלאָזט אַ גוטער ווינט, דעם אַ שטורם, אָבער צו איין ברעג מוזען אלע קומען.

---

ביכער ווערען געל, דאָס בוך פון נאַטור איז אימער גרין... ער ערשיינט יעדען יאָהר, אין איין נייער אויסגאבע...

---

ווי אזוי קען איך געבען פון מיין ברויט, מיין געלט, מיין פראַצע צו די אָרימע וועלכע גאָט האָט זיי פיינט. ווען ער האָלט זיי געליבט וואָלט ער ניט געגעבען זיי אָרימקייט. גאָט וואָס ער טהוט איז ער גערעכט, האָט אַ קאַרגער געזאָגט צו אַ אורח הגון.

מיין טייערער קמצן, איהר וועט געהן אין גאַס און איהר וועט זיך אויסברעכען אַ פוס, דורך אַן עקסידענט. זאָלט

איהר ליגען אין אייערע געהאקטע וואונדען, הײלט אייך ניט, געוויס איז די סיבה פון גאט...

---

ס'איז א גרויסער חסד פון זיין ליבען נאמען, וואס ער האט אריינגעגעבען יעדער באשעפעניש א באזונדער חוש הריח צו דערפיהלען א מזיק, און צוהיטען זיך פאר איהם. א גביר א קמצן, מעג ער זיין דער גרעסטער שוטה, האט ער פונדעסטוועגען א גוטען חוש הריח אויף אן ארימען, צו דער־שמעקען איהם פון ווייטען, — און גיט זיך אן עצה...

---

א רייכער מאן האט פארלארען טויזענט טאלער, און האט געלאזט אויסרופען, ווער עס וועט געפינען און צוריק ברייגגען קריגט צוויי הונדערט טאלער. אן ארימער איד האט געפונען און איהם געבראכט, נעהמט דער רייכער פינף דאלער און גיט איהם. מיר קומט צוויי הונדערט זאגט דער ארימער. זאגט דער רייכער מיר פעלט צוויי הונדערט דאלער פון די געלט, עס איז מעהר ניטא ווי אכט הונדערט, געהט מען צום רב. דער רב הערט אוים די טענות.

אויב אזוי האט דער רב גע'פסקנ'ט: דער נגיד האט פארלארען טויזענט טאלער, דא איז אבער אכט הונדערט, איז עס ניט זיין געלד, געהערט עס צום ארימאן אין גאנצען.

---

א העזה פון קארגען גביר, ער גיט דעם ארימאן גארניט, און בעט נאך אז ער זאל קיין פאראיבעל האבען. אפילו דאס פארגינט ער איהם אויך ניט.

---

אדם איז געווען דער איינציגער מאַן, וועלכען דאָס ווייב האָט ניט באַשולדיגט, אַז ער ליעבט אַן אַנדערע...

---

אדם הראשון איז געווען דער גליקליכסטער מענש, ווייל פרויען קליידער זיינען דאַן געוואַקסען אויף די בוימער...

---

ווען גאָט וואָלט ארויס געטריבען פון גן עדן נאָר אדם'ן, וואָלט ביי אדם'ן, דער מדבר ערשט געווען — אַ ריכטיגער „גן עדן".

---

זינט עס איז געלונגען אַ שלאַנג צו פאַרפיהרען אַ חוה, פּרובירען אַלע שלאַנגען צו טאָהן דאָס זעלבע.

---

אַ גוטע פרוי איז געווען חוה, זי האָט איהם געפּיקסט, אַז אַ פרוי זאָל ניט לעבען אויביג.

---

אַ גוטע פרוי איז געווען חוה, ווען ניט זי וואָלט נאָך אדם עד היום ארומגעגאַנגען אָהן הויזען...

---